**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ווייטערדיגע שריט צו שטיצן ניו יארק'ס ריינע ענערגיע אינדוסטריע**

***קומענדיגע פאזע פון די סטעיט'ס סופליי טשעין אקטיוויטעטן פארעפנטליכט אין פארעם פון 200 מיליאן דאלארדיגע שטיצנדע מעניופעקטשורינג און לאגיסטיקס RFP***

***פארלאנג פאר אינפארמאציע אויך אנאנסירט צו הערן געדאנקען פאר פיפטע ים ווינט ענערגיע פינאנצירונג געלעגנהייט און 300 מיליאן דאלארדיגע RFP פאר הויפט באשטאנדטיילן פון סופליי טשעין***

***שטיצט דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהל צו אנטוויקלען 9,000 מעגאַוואַטס פון ים ווינט ענערגיע ביז 2035***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דייטליכע שריט אין שטיצע פון די וואקסנדע ריינע ענערגיע אינדוסטריע אין ניו יארק און די סטעיט'ס 10-נקודות'דיגע אקציע פלאן. אלס טייל פון די קומענדיגע פאזע פון די סטעיט'ס 500 מיליאן דאלארדיגע פארפליכטונג פאר ים-ווינט ענערגיע סופליי טשעין אקטיוויטעטן, איז א 200 מיליאן דאלארדיגע שטיצנדע מעניופעקטשורינג און לאגיסטיקסאיינלאדענונג פאר פארשלאגן (Request for Proposals, RFP)יעצט אפן צו שטיצן אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור און מעניופעקטשורינג צו פארגרעסערן די אמעריקאנע ים ווינט ענערגיע סופליי טשעין אין ניו יארק. אין צוגאב, וועט א פארלאנג פאר אינפארמאציע (Request for Information, RFI) ארויסגעגעבן ווערן צו הערן געדאנקען פאר די אנטוויקלונג פון ניו יארק'ס פיפטע ים-ווינט ענערגיע פראיעקט פינאנצירונג געלעגנהייט (NY5) און פאר די דעזיין פון א קאארדינירטע 300 מיליאן דאלארדיגע RFP קאנצענטרירט אויף אינוועסטירונגען אין הויפט באשטאנדטיילן פון די ים ווינט ענערגיע סופליי טשעין. די היינטיגע אנאנס שטיצט פארגעזעצטע פארשריט אין ריכטונג פון ערררייכן ניו יארק'ס ציהל פון דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' ( Climate Leadership and Community Protection Act) צו אנטוויקלען 9,000 מעגאַוואַטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז 2035.

"ניו יארק טוט באפעסטיגן איר פירערשאפט ראלע אין די ים-ווינט ענערגיע אינדוסטריע, אויפבויענדיג די סופליי טשעין דא אין די סטעיט צו אויפבויען די אינדוסטריע און אראפטרייבן קאסטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די איבערגעגעבנקייט און שוואונג וועלן אונז העלפן ברענגען א צוקונפט וואו ריינע ענערגיע איז די טרייב קראפט פאר אונזער 'גריד', שאפט לאנג-טערמיניגע דזשאבס און פארשטערקערט אונזער עקאנאמיע."

די 10-נקודות'דיגע אקציע פלאן פארעפנטליכט אין אקטאבער פון 2023 האט פארגעשטעלט געדאנקען און אנווייזונג פאר די סטעיט'ס פלענער זיך צו שטארקן אויף לעצטיגע מאקרא-עקאנאמישע און אינפלאציע-פארבינדענע שוועריגקייטן וואס האבן געווירקט אויף די באנייבארע ענערגיע פעלד, און עס לייגט פאר אן ארומנעמיגע רייע פון שריט וואס ווערן אונטערגענומען צו גיסן די יסוד פאר א

שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער דורך די איסברייטערונג פון די סטעיט'ס וואקסנדע ריינע-ענערגיע עקאנאמיע און באנייבארע ענערגיע פעלד.

**<u>200 מיליאן דאלארדיגע שטיצנדע מעניופעקטשורינג און לאגיסטיק RFP</u>**
באזירט אויף געדאנקן וואס זענען צוריקגעהערט געווארן אין א פארלאנג פאר אינפארמאציע ( Request for Information, RFI) אין 2023, קומט NYSERDA היינט ארויס מיט א סופליי טשעין אנטוויקלונג [פינאנצירונג געלעגנהייט](#) וואס וועט איסוועהלן די בעסטע פארשלאגן פאר 'טיער 2' ביז 'טיער 4' אינפראסטרוקטור און מעניופעקטשורינג איינריכטונגען.

די וואס גיבן אריין פארשלאגן פאר די סופליי טשעין RFP וועלן פארלאנגט ווערן צו ווייזן וויאזוי די סטעיט פינאנצירונג וועט זיין באגלייט דורך באדייטנדע פריוואטע אינוועסטירונגען אין סופליי טשעין פראיעקטן, און זיי זענען ערמוטיגט צו ווייזן אז די געלטער וואס ווערן געשאנקען דורך די סטעיט זענען די לעצטע געלטער וואס פעהלן נאך אויס צו אנטוויקלען א פראיעקט. **פארשלאגן דארפן אריינגעגעבן ווערן ביז 3:00 נאכמיטאג אויפן ניו יארקע זייגער אום אוגוסט 13, 2024.** איינצלהייטן איבער די געלעגנהייט און פארבינדענע דאקומענטן זענען פארעפנטליכט אויף NYSERDA's [וועבזייטל](#).

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "מיט די ארויסגעבונג פון די היינטיגע סופליי טשעין פינאנצירונג געלעגנהייט און די פארבעטונג פאר געדאנקען פאר אונזערע קומענדיגע ים-ווינט ענערגיע פינאנצירונג געלעגנהייטן, זעצן מיר פאר צו ארויסווייזן א פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו פאראויס רוקן גרויסארטיגע באנייבארע ענערגיע מקורות פאר גוטע פרייזן טראץ מאקרא-עקאנאמישע עלעמענטן וואס די אינדוסטריע שטייט אויס. מיר זענען אומערשראקן אין אונזערע באמיאונגען צו בויען די אינדוסטריע מיט א דורכגעטראכטע, צוזאמענארבעטנדע צוגאנג וואס רופט זיך אפ צו די באדערפענישן פון די מארקעט און ארבעט צוזאמען מיט די פארמישטע קערפערשאפטן צו פארזיכערן א סאלידע פונדאמענט פאר הצלחה."

**<u>פארלאנג פאר אינפארמאציע צו הערן געדאנקן פאר קומענדיגע ים ווינט ענערגיע פינאנצירונג געלעגנהייט און 300 מיליאן דאלארדיגע RFP פאר הויפט באשטאנדטייל פון סופליי טשעין</u>**
אין צוגאב צום אנפירן די נייע ים-ווינט ענערגיע סופליי טשעין אנטוויקלונג פינאנצירונג געלעגנהייט, האט NYSERDA היינט אויך ארויסגעגעבן א [פארלאנג פאר אינפארמאציע ( Request for Information, RFI)](#) צו פארבעטן פארמישטע קערפערשאפטן אין די אינדוסטריע צו איבערקוקן און קאמענטירן אויף די פאטענציאלע געבוי פון די קומענדיגע ים ווינט באנייבארע ענערגיע סערטיפיקאטן ( Offshore Wind Renewable Energy Certificate, OREC) פינאנצירונג געלעגנהייט (NY5) און א קאארדינירטע 300 מיליאן דאלארדיגע RFP פאר הויפט באשטאנדטייל פון די סופליי טשעין. אנטווארטן קענען אריינגעגעבן ווערן ביז מאי 21, 2024.

א וועבינאר וועט אפגעהאלטן ווערן אום **מאי 7, 2024** אום **9:00 אינדערפרי** צו גיבן מער אינפארמאציע איבער די אויבנדערמאנטע RFP און RFI. די וואס זענען אינטערעסירט אין די וועבינאר קענען זיך איינשרייבן [דא](#).

**<u>NY5 פינאנצירונג געלעגנהייט</u>**
נאכפאלגנדיג די אויבנדערמאנטע RFI, פלאנירט NYSERDA צו ארויסקומען מיט די פיפטע ים-ווינט ענערגיע פינאנצירונג געלעגנהייט אין זומער פון 2024. איינמאל עס וועט געעפנט ווערן, וועט די NY5 פינאנצירונג געלעגנהייט לויפן אין פאראלעל צו א 300 מיליאן דאלארדיגע פינאנצירונג געלעגנהייט פאר הויפט באשטאנדטייל פון די סופליי טשעין. די ים ווינט באנייבארע ענערגיע סערטיפיקאט פינאנצירונג געלעגנהייט וואס איז אריגינעל פלאנירט געווארן צו ארויסקומען סוף פון 2024 אין קאארדינאציע מיט די

ניו יארק סיטי פובליק פאליסי עלעקטריציטעט דראטן באדערפענישן ( Public Policy Transmission Needs, PPTN) פראצעדור וועט זיך עפענען אין 2025.

**<u>300 מיליאן דאלארדיגע פינאנצירונג געלעגנהייט פאר הויפט באשטאנדטיילן פון סאפליי טשעין</u>**
NYSERDA רישט זיך צו ארויסגעבן א 300 מיליאן דאלארדיגע פינאנצירונג געלעגנהייט פאר הויפט באשטאנדטיילן פון די סאפליי טשעין אין די זעלבע צייט ווען זיי קומען ארויס מיט NY5 צו ערלויבן די וואס גיבן אריין פארשלאגן פאר ים-ווינט ענערגיע צו פארהאנדלען צו נוצן לאקאליזירטע סאפליי טשעין באשטאנדטיילן אלס חלק פון זייערע פארשלאגן. די אויסשטעל פון די פינאנצירונג געלעגנהייט וועט זיך רעכענען מיט די קאמענטארן ערהאלטן דורך די RFI וואס איז היינט ארויסגעגעבן געווארן, און עס איז געציהלט צו צוציהען אינוועסטירונגען אין גרויסארטיגע ים-ווינט ענערגיע סאפליי טשעין באשטאנדטיילן, אריינרעכענענדיג גרויסארטיגע פארט מאדערניזירונגען צו אקאמאדירן גרויסארטיגע ים-ווינט ענערגיע באשטאנדטייל מעניופעקטשורינג.

**Center for Economic Growth טשיעף עקאנאמישע אנטוויקלונג אפיסער, קעיטי ניוקאמב, האט געזאגט,** "די Center for Economic Growth און אירע שותפים האבן פארברענגט יארן בויענדיג א שטאנדהאפטיגע ים-ווינט ענערגיע עקאלאגישע סיסטעם, און מיר וועלן פארזעצן צו אקטיווערהייט ארבעטן אויף מעניופעקטשורינג, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און סאפליי טשעין געלעגנהייטן. אלבאני/ניו יארק'ס הויפטשטאט ראיאן איז היים צו די בעסטע פארט לאקאציעס וואס זענען גרייט צו אנהויבן באארבעט ווערן אין די פאראייניגטע שטאטן. מיר שטייען גרייט צו ארבעטן מיט דעוועלאפערס, סאפלייערס און NYSERDA אריבער די און צוקונפטיגע געלעגנהייטן צו פארווירקליכן אונזער געמיינזאמע חזון פון פאראויס שטופן ים-ווינט ענערגיע אין ניו יארק סטעיט און ברענגען עקאנאמישע בענעפיט פאר אונזערע קאמיוניטיס."

**New York State Building Trades פרעזידענט, גערי לאבאַרבארע, האט געזאגט,** "ים-ווינט ענערגיע ברענגט א רעוואלוציע פאר ניו יארק אזוי ווי זי ארבעט צו נאכקומען אירע קלימאט ציהלן, און אזוי אויך פאר די פאך מענער און פרויען וואס וועלן האלטן די טויזנטע שיין-באצאלטע יוניאן דזשאבס וואס עס שאפט, פארשטערקערנדיג אונזער מיטעלע קלאס און אונטערטרייבנדיג אונזערע לאקאלע עקאנאמיעס. מיר זענען דאנקבאר אז גאווערנער האקול און NYSERDA שטופן פאראויס ניו יארק'ס פארפליכטונג צו אויפבויען די וויכטיגע, נייע ענערגיע סעקטאר בשעת'ן פארזיכערן שטארקע זיכערהייט סטאנדארטן, געהאלטן וואס ערלויבן צו אויסהאלטן א פאמיליע און גוטע בענעפיטן."

**ניו יארק סטעיט AFL-CIO פרעזידענט, מאריאָו סילענטאָו, האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן די גאווערנער פאר אייר פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז ניו יארק'ס צוקונפט מיט ריינע ענערגיע ווערט מעניופעקטשורט, אפערירט און אויפגעהאלטן דורך יוניאן מיטגלידער. כאטש NY3 און פארבינדענע מעניופעקטשורינג גרענט פינאנצירונג האבן אריינגערעכנט טייל פון די שטערקסטע לעיבאר סטאנדארטן פון סיי וועלכער ים-ווינט ענערגיע פראיעקט ביז היינט, וועלן מיר פארזעצן צו ארבעטן מיט די גאווערנער צו זיכער מאכן אז די פינאנצירונג געלעגנהייטן וואס זענען היינט אנאנסירט געווארן רעכענען אריין נאך אפילו שטערקערע סטאנדארטן און שוץ מאסנאמען פאר יוניאן ארבייטער."

**New York City Central Labor Council אונטער AFL-CIO פרעזידענט, ווינסענט אלווארעז, האט געזאגט,** "מיט די היינטיגע אנאנס, טוהען גאווערנער האקול און NYSERDA אונטערנעמען אקטיוו שריט פון פאראויס צו מאנעווורירן אריבער א דינאמישע און אנטוויקלנדע מארקעט. מיר קוקן ארויס צו בויען א ניו יארק-באזירטע סאפליי טשעין מיט שטארקע לעיבאר סטאנדארטן, און צו ארבעטן צוזאמען מיט NYSERDA, די ניו יארק סטעיט רעגירונג און אלע פון די פארמישטע קערפערשאפטן צו זיכער מאכן אז אזוי ווי מיר גייען אריבער צו אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע, טוהען מיר אויך שאפן יוניאן

דזשאבס וואס ערמעגליכן צו אויסהאלטן א פאמיליע און א שטאנדהאפטיגע עקאנאמיע פאר אלע ניו יארקער."

**Long Island Federation of Labor AFL-CIO אונטער פרעזידענט, דזשאן דורסאָ, האט געזאגט,** "אנהויבן און אפשטעלן שריט זענען צומאל נויטיג און ברענגען נייע געלעגנהייטן פאר אונז צו זיכער מאכן אז מיר ברענגען די בעסטע מעגליכע תוצאות פאר ניו יארקער. לאנג איילענד'ס ארבעטנדע פאמיליעס בלייבן פארפליכטעט צו אדרעסירן דעם קלימאט קריזיס אין א וועג וואס שאפט גוטע יוניאן דזשאבס אין דעם פראצעדור. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט ניו יארק סטעיט, מיט די ים ווינט אינדוסטריע און מיט אלע אנדערע פארמישטע קערפערשאפטן וועלכע זענען אינטערעסירט אין א לעכטיגערע צוקונפט מיט שיינע געהאלטן וואס קענען אויסהאלטן א פאמיליע."

**Nassau and Suffolk County Building Trades פרעזידענט, מעט אראקיטש, האט געזאגט,** "עס איז גאר וויכטיג אז מיר זאלן פארזעצן צו פאראויס רוקן די ים ווינט ענערגיע אינדוסטריע דא אין ניו יארק. גאווערנער האקול און איר מאנשאפט אין NYSERDA טוהען זיך ווירקזאמערהייט צופאסן צו די כסדר אנטוויקלנדע לאנדשאפט פון די אויפשטייגנדע אינדוסטריע. די טויזנטע לאקאלע בויער ארבייטער יוניאן דזשאבס אין פארבינדונג מיט די NY3 פינאנצירונג געלעגנהייט זענען געהאלטן און בענעפיטן וואס האלטן עכט אויס פאמיליעס דא אין לאנג איילענד. אונזער אינזל'ס עקאנאמישע צוקונפט איז געקניפט און געבינדן מיט די הצלחה פון די ים-ווינט ענערגיע אינדוסטריע, און דערפאר איז דאס וויכטיג דאס צו דורכפירן ריכטיגערהייט."

**New York Offshore Wind Alliance דירעקטאר, פרעד זאלקמאן, האט געזאגט,** "דורך גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, זעצט ניו יארק פאר צו גיסן די יסודות פאר א שטאנדהאפטיגע און פאראנטווארטליכע ים-ווינט ענערגיע אינדוסטריע. טראץ לעצטיגע שטערונגען, ווייזט די היינטיגע אנאנס ארויס אז ניו יארק וועט פארזעצן צו 'ציהלן אויף די צוימען' ביים זוכן צו ברענגען די ים-ווינט ענערגיע סופליי טשעין דא לאקאל. מיט קלוגע פאליסי און אנגייענדע איבערגעגעבנקייט אפגעשפיגלט אין די היינטיגע שריט, שטעלט זיך די עמפייער סטעיט אוועק אין פאזיציע צו אנקומען צו 'סינגלס' און 'דאָבלס' אין עקאנאמישע אנטוויקלונג – און געוויס אויך 'האָום ראָנס' – אין די גאר נאענטע צוקונפט."

**New York League of Conservation Voters פרעזידענט, דזשולי טייה, האט געזאגט,** "די אריבערגאנג צו א צוקונפט פון ריינע ענערגיע איז נישט אין א גראדע ליניע — יעדע טריט אויף צוריק פירט אונז צו נעמען צוויי טריט אויף פאראויס. דורכן שנעלערהייט פארבעטן אינפארמאציע צו פאראויס רוקן א פיפטע ים-ווינט ענערגיע פינאנצירונג געלעגנהייט און ארויסלייגן RFP'ס אויף די מעניופעקטשורינג און לאגיסטיקס וואס וועלן אהערברענגען די סופליי טשעין, טוט גאווערנער האקול קלאר מאכן אז די סטעיט בלייבט פארפליכטעט צו מאכן די 'גריד' גרין און פארווירקליכן די עקאנאמישע פארשפרעך פון די נייע אינדוסטריע."

**Citizens Campaign for the Environment עקזעקיוטיוו דירעקטארין, עידריען עספאסיטאָ, האט געזאגט,** "ניו יארק געפונט זיך אויף די פראנט ליניעס פון קלימאט טויש, און מיר פילן שוין יעצט די נעגאטיווע ווירקונגען דערפון. די נויט צו אריבערגיין פון פארפעסטיגנדע פאַסיל ברענשטאף איז א דרינגנדע נושא. דאס אריבערגיין צו באנייבארע ענערגיע און מאדערניזירן אונזער ענערגיע אינפראסטרוקטור מוזן געגעבן ווערן די העכסטע פריאריטעט, און דאס איז די סיבה פארוואס מיר זענען באגייסטערט אז גאווערנער האקול זעצט פאר צו פאראויס שטופן ים-ווינט ענערגיע און מאכט באדייטנדע אינוועסטירונגען אין די סופליי טשעין צו פארגרעסערן אונזער אויפשטייגנדיג ווינט אינדוסטריע אין ניו יארק. מיר הויבן שוין אן צו זעהן די ענווייראמענטאלע, געזונטהייט און עקאנאמישע בענעפיטן פון ים-ווינט ענערגיע און די שאפונג פון לאקאלע דזשאבס פאר ניו יארקער. מיר אפלאדירן ניו יארק'ס אנגייענדע פירערשאפט."

די היינטיגע אנאנס ווייזט ווייטער ארויס ניו יארק'ס אנטשיידענע פארפליכטונג צו ריינע-ענערגיע אנטוויקלונג, שטאנדהאפטיגקייט און עקאנאמישע וואוקס, און עס שטיצט די סטעיט'ס פארשריט אין די ריכטונג פון ערגייכן אירע קלימאט געזעץ ציהלן, אריינרעכענענדיג דאס ארויסבאקומען 70 פראצענט פון די סטעיט'ס עלעקטריציטעט פון ריינע מקורות ביז 2030. דאס רעכנט אריין פאראויס שטופן א צוגעיאגטע צייטפלאן פאר ים ווינט ענערגיע איינקויפונגען וואס האבן געפירט צו לעצטיגע באדינגטע [גרענטס](#) ווערנדיג געגעבן פאר Empire Wind 1 און Sunrise Wind אונטער די פערטע פינאנצירונג געלעגנהייט וואס וועט אנהויבן ליפערן עלעקטריציטעט אין 2026.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געווידן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו ערגייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון 28 ביליאן דאלאר אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק (NY Green Bank) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](#) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)